# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת לך לך תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 456

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### אברהם מאכט עס זאל זיין ווי א ברכה

**"וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל וַאֲבָרֶכְךָ וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ וֶהְיֵה בְּרָכָה"** (יב ב)

אין מסכת ברכות (מ ב) זאגן די חכמים "כל ברכה שאין בה מלכות אינה ברכה", ד.מ.: א ברכה וואס דער מברך האט נישט דערמאנט אין דעם אז ה' יתברך איז "מלך העולם" (ראה שו"ע או"ח ריד), איז נישט קיין ברכה. לויט דעם קען מען פארשטיין: וויאזוי קען זיין אז ביי די ברכה 'אבות' וואס מיט דעם הייבט מען די שמו"ע האט מען נישט מתקן געווען זאגן "מלך העולם"? ענטפערט תוספות (שם ד"ה אמר) אז די ווערטער 'אלוקי אברהם' איז אנשטאט דערמאנען מלכות, ווייל אברהם אבינו האט דאך פאר אלעמען מפרסם געווען די מלכותו ית'.

**רבי ישראל זאבי** אב"ד חברון שרייבט אז די תוספות איז מרומז אין אונזער פסוק: חכמים (פסחים קיז ב, הובא ברש"י) טייטשן אזוי אויס די הבטחה פון ה' צו אברהם: "וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל" - מען וועט דיך דערמאנען ביי די ערשטע ברכה פון שמונה עשרה: "אלוקי אברהם". "וַאֲבָרֶכְךָ" - מען וועט אויך דערמאנען: "אלוקי יצחק". "וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ" - מען וועט צולייגן "אלוקי יעקב". אבער, טראץ וואס די דריי אבות ווערן דערמאנט אין די ברכה, "וֶהְיֵה בְּרָכָה" - "בך חותמים": 'מגן אברהם'. און מען קען זאגן אז דער לשון 'והיה ברכה' לערנט אונז וואס תוספות זאגט, אז דערמאנען אברהם דאס טוט אויף עס זאל גערעכנט ווערן א ריכטיגע ברכה - מיט א שם ומלכות.

'פני דוד' [לחיד"א] אות יב

### ברכת כהנים דורך צוויי

**"וַאֲבָרְכָה מְבָרֲכֶיךָ וּמְקַלֶּלְךָ אָאֹר וְנִבְרְכוּ בְךָ כֹּל מִשְׁפְּחֹת הָאֲדָמָה"** (יב ג)

פון דער לשון הפסוק "וַאֲבָרְכָה מְבָרֲכֶיךָ" לערנען ארויס די חכמים (סוטה לח ב) אז די כהנים וואס בענטשן די אידן - ווערן אליינ'ס געבענטש. א רמז אויף דעם ברענגט דער **'בעל הטורים'** פון דעם וואס די ווערטער "וַאֲבָרְכָה מְבָרֲכֶיךָ" זענען בגימטריה "כהנים המברכים בניך", און לויט דעם לייגט ער צו אז די וואס האלטן אז מן התורה איז די מצוה פון ברכת כהנים נאר ווען עס זענען דא אין שול לכל הפחות צוויי כהנים (ראה טור או"ח קכח), פארשטייט מען פארוואס כאפט אן דער פסוק "מברכיך" - בלשון רבים, און 'מקללך' - בלשון יחיד.

לייגט צו **רבי יעקב קאמינעצקי**: דער וואס וועט גוט אריינטראכטן וועט באמערקן אז די גימטריה פון 'כהנים המברכים בניך' [524] איז ווייניגער מיט צוויי פון די גימטריה פון: "וַאֲבָרְכָה מְבָרֲכֶיךָ" [526]. אבער, אויב מיר וועלן צולייגן די צוויי כהנים וועט אויסקומען די גימטריה פונקטליך.

'אמת ליעקב'

### מקדים זיין 'חוט' צו 'נעל'

**"אִם מִחוּט וְעַד שְׂרוֹךְ נַעַל וְאִם אֶקַּח מִכָּל אֲשֶׁר לָךְ וְלֹא תֹאמַר אֲנִי הֶעֱשַׁרְתִּי אֶת אַבְרָם"** (יד כג)

חז"ל זאגן (חולין פט א) אין שכר וואס אברהם האט נישט געוואלט נעמען "מִחוּט וְעַד שְׂרוֹךְ נַעַל" פון די רויב פון סדום האבן זיינע קינדער זוכה געווען צו "חוט של תכלת [ביי די ציצית] ורצועה של תפילין".

דער **'משך חכמה'** צייכנט צו דעם פאקט אז מיר פירן זיך אנטון א טלית גדול און לייגן תפילין דווקא ביי תפילת שחרית וואס דאס איז די תפילה וואס אברהם אבינו האט מתקן געווען (ראה ברכות כו ב). און אויף דעם קען מען צולייגן, די סדר פון זיי מקיים זיין פארן דאווענען שחרית איז צוגעפאסט לויט די סדר פון דער פסוק: אזוי ווי אברהם האט מקדים געווען 'חוט' צו 'שרוך נעל', אזוי נעמען מיר זיך ארום מיטן טלית און דערנאך לייגן מיר תפילין.

'משך חכמה'; 'דברי יחיאל' [לר"י זק"ש]

### דערמאנען אברהם ביי די ברכה אויף חליצה

**"אִם מִחוּט וְעַד שְׂרוֹךְ נַעַל וְאִם אֶקַּח מִכָּל אֲשֶׁר לָךְ וְלֹא תֹאמַר אֲנִי הֶעֱשַׁרְתִּי אֶת אַבְרָם"** (יד כג)

אין 'סדר חליצה' (סעיף נז) וואס איז געדרוקט אין 'שולחן ערוך' (אבן העזר קסט) ווערט געברענגט אין נאמען פון חז"ל (ראה ב"ר מג ט) אין די שכר וואס אברהם האט נישט געוואלט נעמען פון די רויב פון סדום אפילו א "שְׂרוֹךְ נַעַל", האבן זיינע קינדער זוכה געווען צו מצות חליצה וואס מען איז מקיים דורך א 'נעל' (דברים כה ז). און ווייל צו די מצוה פון חליצה האבן מיר זוכה געווען אין זכות פון אברהם אבינו, דער אב"ד וואס אנטקעגן אים ווערט געטון די מצוה זאגט די ברכה: "ברוך אשר קדשנו במצותיו וציונו במצוות וחוקים של אברהם אבינו" (ראה שו"ת מהרש"ל סי' צ). נאך ווערט דארט געברענגט, כאטש עס זענען דא וואס האלטן אז מען דארף זאגן די ברכה מיט א שם ומלכות, למעשה דארף מען עס זאגן אן קיין שם ומלכות, ווייל די ברכה ווערט נישט דערמאנט אין גמרא (ביאור הגר"א שם פו).

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### 'מתלמידיו של אברהם אבינו'

ווי באקאנט ווערט אברהם אבינו אנגערופן 'ראש למאמינים'. צו די באזונדערע טיטל האט ער זוכה געווען, נישט נאר ווייל ער איז געווען דער ערשטער וואס האט אויפגעוויזן די פאלטשקייט פון די געטשקעס, נאר ווייל ער האט זיך נישט באגענוגט מיטן זיין א מאמין אליין, נאר ער האט געזארגט צו פארשפרייטן די אמונה אויף דער וועלט. חז"ל (סוטה י ב) דערציילן אז אברהם אבינו האט ארייגענומען אין זיין געצעהלט אלע עוברים ושבים, און יעדער וואס איז אריין עסן און טרינקען - אנשטאט באצאלן - האט אברהם געפאדערט פון אים ער זאל לויבן און דאנקען דעם באשעפער וואס פון אים האט ער געגעסן. מיט די וועג האט ער צוגעברענגט צענדליגער טויזנטער מאמינים אויף דער וועלט.

אברהם אבינו, דער טאטע פון דאס אידישן פאלק, איז געווען דער ערשטער אויף דער וועלט וואס האט מקדיש געווען פון זיין צייט צוברענגען אז מענטשן זאלן זאגן ברכות ווי עס דארף צו זיין. ווי וואונדערליך איז צו זען אז אויך אין אונזערע צייטן זענען דא אסאך וואס גייען אין זיינע וועגן, און אזוי ווי עס שטייט ביי אברהם (בראשית יט כז): "וישכם אברהם בבוקר", שטייען זיי אויך אויף פרי און שטעלן זיך אוועק ענטפערן אמן נאך די ברכות פון אסאך אידן. מיט דעם ברענגען זיי צו אז אידן זאלן זאגן די ברכות ווי עס דארף צו זיין און עס זאל זיך פארמערן די אמונה אויף דער וועלט!

די גמרא אין מסכת ברכות (ו ב) זאגט אז ווען הקב"ה קומט אין שול און טרעפט דארט נישט קיין צען מענטשן "מיד הוא כועס". און ברענגט אויף דעם אויך א אסמכתא פון דער פסוק (ישעיהו נ ב): "מדוע באתי ואין איש", לכאורה, די גמרא זוכט א מקור אויף דעם אז הקב"ה איז בכעס ווען עס איז נישטא קיין צען מענטשן, און ברענגט דעם פסוק ווי דארט שטייט 'איש' - בלשון יחיד?!

עס איז באקאנט די תירוץ וואס דער וועלט ענטפערט אויף דעם: 'אויב עס איז נישטא א 'איש' וואס עס אינטערעסירט אים, איז ממילא נישטא קיין צען...!'. מען קען זאגן אז דער 'מענטש וואס עס אינטערעסירט אים' איז דער 'איש' וואס איז זיך מנדב צו ענטפערן אמן נאך די ברכות פון דער ציבור.

כלפי מה דברים אמורים? אין לויף פון זומער איז פארקומען די פראיעקט 'דרך אמונה' - לזכרו פון מרן הגר"ח קנייבסקי וואס האט מקפיד געווען יעדן טאג צו זאגן די ברכות השחר פאר איינעם וואס וועט משלים זיין זיינע ברכות מיט 'אמן', און האט אויך צוגעהערט און געענטפערט אמן אויף די ברכות פון אנדערע.

אין די ראם פון די פראיעקט האבן זיך אנגעשלאסן אסאך פון די וואס זענען נתעורר געווארן אויפשטיין פרי כדי צו ענטפערן אמן נאך די ברכות פון אנדערע. עס איז טאקע געווען איבערראשט צו זען אין אסאך שולן אויף דער וועלט, ווי די מתפללים פארשפרייטן די ליכטיגקייט פון די אמונה אויף דער וועלט אין די וועג פון אברהם אבינו ע"ה.

אויך איך בין זוכה מקדיש זיין יעדן אינדערפרי ארום דריי שעה כדי צו ענטפערן אמן נאך די וואס זאגן די ברכות אין די שול וואו דארט בין איך קובע מקום לתפילה, די 'בריזדאוויצער שול' אין בארא פארק. דאס איז א שול וואו דארט איז נישטא א איד וואס זיינע ברכות ווערן נישט געענטפערט מיט א אמן. א שול פון 'ברכה שלימה'.

אויפן פסוק אין אונזער פרשה (יב ב) "והיה ברכה" ערקלערט רש"י אין נאמען פון מדרש: "בך חותמים", ד.מ.: די ברכה 'אבות' ענדיגט מען מיט אברהם - 'מגן אברהם'. עס איז זיכער אז אין זכות פון די ברכות און די אמנים וואס פארענדיגן זיי זענען מיר זוכה צו א שיצונג און א שמירה; שלימות'דיגע ברכות - א שלימות'דיגע שיצונג!

**מיט די וואונטש "והיה ברכה"**

**א גוט שבת!**

יעקב דוב מארמארשטיין

# 'מפני שיב"ה תקום'

שבת-מיטאג אין די סלאוואקיי'אישע שטאט באקאנט מיטן נאמען 'נייהייזל'. די געוועגליכע שטילקייט וואס איז פאסיג צו אזא צייט איז צושטערט געווארן אין דעם שבת. אנשטאט הערן די גרודער פון די קינדער וואס אין דער צייט זענען זיי געוואוינט זיך שפילן אין די גאסן פון די שטעטל, זענען די גאסן דאס מאל געווען פול מיט מאסן מענטשן און קינדער וואס האבן מארשירט צום בית המדרש.

דער פאקט וואס האט צוגעברענגט אז אלע זאלן מארשירן צום שול איז געווען א קלאנג וואס האט זיך פארשפרייט צווישן די אידן פון דער קהילה, אז דער בארימטער דיין הגאון רבי אברהם שטערן, דער איידעם פונעם שטאטישן רב, רבי יוסף מאיר טיגערמאן, גייט האלטן א דרשה שבת-מיטאג.

אין די יארן וואס ער האט געדינט אלס דיין, האט ער נישט אויפגעטרויטן מיט אסאך דרשות פארן ציבור. אבער וויבאלד אין יעדע דרשה וואס ער האט געהאלטן האט ער באוויזן זיין כוח אלס א וואונדערליכן דרשן, האט קיינער נישט געוואלט פארפעלן די געלעגנהייט וואס האט זיך געמאכט פאר זיי, צו הערן דברי אלקים חיים פון א פה מפיק מרגליות, דער שטאטישן דיין.

דער בית המדרש איז געווען פול פון איין עק ביז צו די צווייטע. דער דיין האט אנגעהויבן



די שול אין די שטעטל נייהייזל, סלאוואקיי.

מיט א פייערדיגע דרשה בעניני דיומא, וועבנדיג מיט זיין טאלאנט און מיט זיין רייכע ידיעות וואונדערליכע פונקטן פון די וואכעדיגע פרשה. די צוהערער האבן זיך צוגעהערט מיט אפענע מיילער, און ווען צום סוף איז דער דיין אריבער רעדן וועגן גאר אן אנדערע טעמע, און יעדער איז געווען צוגענאגלט צו הערן זיינע ווערטער.

"מורי ורבותי!" האט דער דיין אנגעהויבן די צווייטע טייל פון די דרשה, "איך וויל צולייגן און אויסשמועסן מיט אייך וואס עס ליגט מיר אין די לעצטע צייט אויף די הארץ: אין די לעצטע צייט האלט איך מיט צו מיין ווייטאג די נישט גוטע ערשיינונג ווען אסאך פון די מתפללים פון שול האלטן נישט פארמאכט זייער מויל נישט צו רעדן דברי חולין ביים דאווענען, און איך קען מער נישט שווייגן".

אין די קומענדיגע מינוטן האט דער דיין אין אן ערנסטן טאן מוסר געזאגט דעם ציבור אויף די ערשיינונג וואס האט זיך לעצטנ'ס פארשפרייט און האט אים צוגערירט צום הארץ - די זינד פון רעדן בשעת'ן דאווענען. אין זיינע ווערטער האט ער ציטירט אסאך פון די דברי חז"ל און די ראשונים און אחרונים איבער דער הארבקייט פון דעם ענין, און האט אויך ציטירט וואס דער מקובל רבי משה קורדובירו זיע"א האט געזאגט, אז די ראשי תיבות פון דיווארט 'שיבה' איז: "שתיקה יפה בשעת התפילה", און פון דא זעט מען אז שווייגן בשעת דאווענען איז א סגולה אויף אריכות ימים.

"דער וואס איז מקפיד נישט רעדן דברי חולין בשעת'ן דאווענען, און איז מקיים וואס ער איז מחויב צו ענטפערן 'אמן' און 'אמן יהא שמיה רבא' ווי עס דארף צו זיין, איז זוכה צו אריכות ימים. און פארקערט, חלילה, דער וואס איז נישט מקפיד אויף דעם..." - האט דער דיין געשריגן מיט זיין שטימע וואס האט ערוועקט די צוהערהער.

די שארפע ווערטער וואס זענען ארויסגעקומען פון הארץ זענען אריין אין הארץ. ביים דאווענען נאך דער דרשה האט געהערשט א שטילקייט אין שול. קיינער האט זיך נישט געוואגט צו רעדן ביים דאווענען. דער גאנצער עולם האט אויף זיך מקבל געווען כאיש אחד בלב אחד, נישט צו רעדן בשעת'ן דאווענען.

אלע, אויסער איינער מיטן נאמען נפתלי, וועלכער האט באשלאסן צו פארשטאפן זיין הארץ פון צו הערן די ווערטער.

דער נפתלי וואלט ווייטער זיך געקענט אקעגן שטעלן די ווערטער פון דעם גרויסן דיין, און אפקילן די איבעריגע מתפללים, אבער שוין אין די קומענדיגע נאכט, ווען ער האט זיך געלייגט שלאפן, האט נפתלי געהאט א שרעקליכן חלום. אין זיין חלום האט ער געזען וואו ער שטייט פארן בית דין של מעלה מט גרויס ציטער און שרעק, בשעת א שרעקליכע שטימע האט געדונדערט אז עס איז אויף אים נגזר געווארן צו שטארבן פריצייטיג.

דער צושוידערטער נפתלי האט זיך פרובירט בעטן אויף זיין לעבן: "איך בין נאך יונג, איך האב א פאמיליע און יונגע קינדער צו שפייזן, איך האב נאך נישט געקענט אויספירן אפילו אביסל פון די פלענער וואס איך האב געפלאנט דורכצופירן אין מיין לעבן, פארוואס איז אויף מיר נגזר געווארן צו שטארבן אין אזא יונגן עלטער?!"

"דו ביזסט פאראורטיילט געווארן צום טויט, ווייל דו האסט גערעדט אינמיטן דאווענען און קדישים און האסט נישט געענטפערט 'אמן' און 'יהא שמיה רבא'" - האט דאס קול שארף איבערגעריסן.

"איך האב נישט געוואוסט ווי הארב איז דער ענין" האט נפתלי פרובירט זיך צו מאכן תמ'עוואטע, אבער דאן איז פון ערגעץ וואו געהערט געווארן די שטימע פון דער קטיגור און האט געדונערט: "האסט אזוי שנעל פארגעסן דער דרשה וואס איז נעכטן געווען דורכ'ן דיין? האסט שוין אנגעיאגט צו פארגעסן די ווערטער וואס ער האט נאכגעזאגט און צווישן זיי די ווערטער פונעם רמ"ק אז ענטפערן אמן איז סגולה אויף אריכות ימים, און זיין ווארענונג אז ווער עס וועט נישט אכטונג געבן אין דעם הארבן איסור קען באשטראפט ווערן מיט די פארקערט פון אריכות ימים?!"

ערהערנדיג וואס מען האט דא געזאגט, האט נפתלי געשוויגן, וואס האט ער געקענט טענה'ן זיך צו פארטיידיגן קעגן אזעלכע קלארע זאכן?! נפתלי איז געשטאנען אליין ביי די געריכט און אומזיסט געווארט אויף דעם קול פונעם סניגור, אבער עס איז נישט געהערט געווארן...

און פלוצים, ווען עס האט אויסגעזען אז ער האט שוין אלעס פארלוירן, איז ווי פון זיך אויסגעקומען דאס געשריי פון זיין האלדז: "ביטע געבט מיר נאך א שאנס, איך בין מקבל אויף מיר פון דער טאג ביז צו די ענדע פון מיין לעבן נישט רעדן קיין שום חולין'דיגע רייד בשעת'ן דאווענען, און איך וועל פרובירן מיט אלע מיינע כוחות נישט צו פארפעלן אפילו איין 'אמן', און איך וועל אויך פארעפנטליכן פארן גאנצן ציבור וואס איך האב דא געהערט".

נפתלי האט זיך ערוועקט מיט שרעק ווען זיין געשריי איז נאך אויף זיינע ליפן און זיין גאנצער קערפער ציטערט פון שפאנונג און התרגשות. דער גאנצער חלום איז געבליבן איינגעקריצט אין זיין זכרון, דער חלום און די הבטחה וואס ער האט צוגעזאגט האט אים אויסגעזען אזוי ממשות'דיג, ער האט געזען אין דעם ווי א נבואה.

אזוי ווי ער האט צוגעזאגט אין חלום, האט נפתלי פארעפנטליכט די מעשה פאר אלע זיינע באקאנטע. די קלאנגען האט זיך שנעל פארשפרייט. יעדער וואס האט געהערט דעם חלום און זיך צוגעהערט צו די פרטים, האט זיך מחזק געווען, און די ישועות וואס זענען פון דעם געקומען האבן זיך פארמערט.

פון יענעם טאג אן האט זיך די מצב געענדערט פון איין עק צום צווייטן, נפתלי האט זיך געטוישט פון די 'הויפט רעדנער' אויף די 'הויפט שווייגער'ס'. א שטילקייט האט געהערשט אין שול. נפתלי וועלכער האט פארשטאנען אז זיין לעבן איז ניצול געווארן אדאנק די קבלה, האט געזארגט צו פארשפרייטן די מעשה אין אלע שולן, און אפילו עס איז שוין אריבער אסאך יארן זינט דעמאלט, קען מען נאך געפינען אין אסאך שולן דעם שילד וואס ער האט פארעפנטליכט: "סגולה ל'שיבה' - שתיקה יפה בשעת התפילה".

דער דיין רבי אברהם שטערן הי"ד וואס איז אומגעקומען ביי די ביטערע קריג, האט זוכה געווען צו פינף זון מופלגים בתורה והלכה: צווישן זיי דער באקאנטער פוסק רבי בצלאל שטערן, פון די גדולי רבני אויסטראליע און בעל 'בצל החכמה', און זיין ברודער דער באקאנטער גאון רבי משה שטערן פון דיברעצין, פון די גדולי הרבנים אין אמעריקא און בעל 'באר משה', וואס האט דערציילט פאר די קומענדיגע דורות די מעשה אין זיין ספר שו"ת 'באר משה' (ח"ז סי' קט), און לייגט צו אנהייב זיינע ווערטער: "אני עצמי הייתי עד רואה למעשה, ועדיין ארכובותי דא לדא נוקשות בהעלותי על ליבי", [איך האב אליין מיטגעהאלטן די מעשה, און מיינע פוס ציטערן נאך ווען איך דערמאן זיך פון דעם].

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# דרך אמונים

הלכות פון ענטפערן אמן

## ברכות וואס מען ענטפערט נישט אויף זיי אמן

### ברכה שאינה צריכה

**דער וואס זאגט א ברכה שאינה צריכה, צ.ב.ש. ער זאגט א ברכה אינמיטן סעודה אויף א עסנווארג וואס די ברכה אויף די ברויט האט עס גע'פטר'ט, טאר מען נישט ענטפערן אמן.**

מקורות וביאורים:

לויט דער רמב"ם (ברכות א טו), טוש"ע (או"ח רטו ד) און 'משנה ברורה' (שם יח). דער 'משנה ברורה' (שם כא) ברענגט אין נאמען פון 'ביאור הגר"א' (שם) אז דער מקור פון דער רמב"ם איז די גמרא אין ברכות (נג ב) אז מ'זאל נישט ענטפערן אמן נאך די ברכה פון תינוקות וואס זאגן זיך צו לערנען, טראץ די תינוקות מעגן עס זאגן, ווייל זיי האבן נישט אינזין צו זאגן א ברכה. לויט דעם, אויב אויף א ברכה וואס מען מעג זאגן טאר מען נישט ענטפערן אמן ווען עס די ברכה איז נישט א ברכה, איז זיכער אז מען טאר נישט ענטפערן אמן נאך א ברכה וואס מען זאגט באיסור.

רבינו מנוח (על הרמב"ם שם) ערקלערט דער טעם פארוואס מען טאר נישט ענטפערן אמן אויף א 'ברכה שאינה צריכה', איז ווייל מיטן ענטפערן אמן געבט מען חיזוק פאר די ברכה, און מען נישט טון אזוי פאר א ברהה וואס איז געזאגט געווארן באיסור. לייגט צו דער בעל 'פלא יועץ' אין זיין ספר 'חסד לאלפים' (רטו ו): די ראשונים שרייבן אז דער וואס ענטפערט אמן אויף א ברכה איז עס גערעכנט ווי ער זאגט ארויס די ברכה מיט זיין מויל. אזוי שרייבט דער רמב"ם (ברכות א יא): "וכל העונה אמן אחר המברך - הרי זה כמברך" (ראה 'מגיד משנה' שם), אויך דער רשב"א (שו"ת, ח"א סי' קכו) שרייבט: "שהאומר אמן - כמוציא ברכה מפיו דמי". קומט אויס אז דער וואס ענטפערט אמן נאך א 'ברכה שאינה צריכה', איז ער ווי ער זאגט אליין די ברכה, און וועגן דעם טאר מען נישט אזוי טון.

### דער וואס זאגט א ברכה אויף א איסור'דיגע עסנווארג

**א. דער וואס זאגט א ברה אויף אזאך וואס איז אסור צו עסן, טאר מען נישט ענטפערן אויף דעם אמן.**

מקורות וביאורים:

דער מקור פון די הלכה איז אין תוספתא (דמאי ב כד. הביאה ה'משנה ברורה' קצו ב). דער איסור איז שייך סיי אויב די עסנווארג איז אסור אויפן מברך מדאורייתא אדער מדרבנן, און סיי אויב דער מברך האט זיך עס גע'אסר'ט אויף זיך מיט א נדר אדער א שבועה (משנה ברורה שם א). די איסור פון זאגן א ברכה אויף אזא עסנווארג לערנט ארויס די ברייתא (ב"ק צד א. וראה רש"י ברכות מז א ד"ה הא) פון דער פסוק אין תהלים (י ג): "ובצע [=גזלן] ברך נאץ ה'" - פון דא זעט מען אס יעדער וואס זאגט א ברכה אויף א אסור'דיגע עסנווארג, איז א מנאץ.

הגרש"ז אויערבאך האט געהאט א ספק ווען איינער הערט זיין חבר ווי ער זאגט א ברכה אויף א עסנווארג טראכטנדיג עסן א איסור, אבער דער וואס הערט ווייסט אז דער מאכט איז מותר, צי דארף ער ענטפערן אמן נאך זיין ברכה. צ.ב.ש.: דער וואס זאגט א ברכה אויף פירות וואס ער מיינט אז זיי זענען טבל, און דער וואס הערט ווייסט אז מען יא אפגעשיידט פון זיי תרומות ומעשרות לויט די הלכה. ווייל כאטש די ברכה איז געזאגט געווארן אויף א היתר, פון דעסוועגן האט דער מברך עובר געווען א איסור מיט די אכילה, אזוי ווי מיר טרעפן אין מסכת קידושין (פא ב) אז דער וואס טוט א מעשה מיט א כוונה פון א איסור דארף א כפרה, כאטש אין אמת'ן האט ער נישט געטון א איסור ('הליכות שלמה' - תפילה פרק כב דבר הלכה אות כט).

**ב. א עסנווארג וואס א טייל פירן זיך אין דעם לאיסור און א טייל פירן זיך אין דעם להיתר, אויב דער וואס זאגט די ברכה פירט זיך להיתר, דארף דער צוהערהער ענטפערן אמן, אויך אויב ער פירט זיך לאיסור אין די זאך.**

מקורות וביאורים:

דער 'ברכי יוסף' (קצו ד) שרייבט אז אויך דער וואס איז נזהר פון עסן פת עכו"ם דארף ענטפערן אמן אויף די ברכה פון דער וואס עסט פון דעם, ווייל דער מברך פירט זיך נישט אין דעם לאיסור, ווערט נישט זיין ברכה גערעכנט פאר א ניאוץ (ראה שו"ע יו"ד קיב ב שיש מקומות שהקילו בפת עכו"ם). אין 'הגהות רבי עקיבא אייגר' (שם א) שטייט כאטש די חכמים האבן גע'אסר'ט עסן ברויט וואס איז געקנעטן געווארן מיט מילך, טאמער מען וועט נכשל ווערן און עס עסן מיט פלייש (ראה יו"ד צז א), פון דעסוועגן וויבאלד "ואינו נקרא כל כך איסור", דער וואס איז עובר און עסט פון דעם דארף זאגן א ברכה. אין ספר 'לקט הקמח החדש' (או"ח קכד כד), ברענגט ער אין נאמען פון ספר 'שולחן מלכים' אז פון דעם קען מען ארויס לערנען צו מיקל זיין ענטפערן אמן נאך איינער וואס זאגט א ברכה אויף מילכיגע עסן אינמיטן די זעקס שעות פון עסן פלייש. נאך דערמאנט ער דארט וואס איז געדרונגען פון 'כף החיים' (קצו ז) אז אין אזא אופן וואס דער מאכל אליין איז מותר נאר א אנדערע זאך איז גורם דער איסור, מעג מען ענטפערן אמן נאך זיין ברכה. אין ספר 'חקר הלכה' (עניני ברכות אות יב) און אין 'אגרות משה' (או"ח ח"ד סי' סט) דערמאנען זיי די סברא אויך אויף איינער וואס האט געגעסן פאר קידוש אדער הבדלה, ווייל ער האט געגעסן א היתר, כאטש עס איז געווען אין א זמן איסור, זעט אויס אז ער איז מחויב מיט א ברכה.

# דורשי אמונים

פון די ווערטער פון רבנים און צדיקים אויף ענטפערן אמן

חז"ל (מנחות מג ב, ע"פ רש"י שם) דרש'ענען פון דער לשון הפסוק (דברים י יב): "מה ה' אלוקיך שואל מעמך כי אם ליראה" - "אל תקרי 'מה אלא 'מאה" - אז א מענטש דארף זאגן יעדן טאג מאה ברכות. די ווערטער פון חז"ל זענען קלאר און אפן, אבער מען דארף פארשטיין, וואס איז די שייכות צווישן די מצוה פון מאה ברכות צו יראת שמים?

עס זעט אויס אז חז"ל האבן דא געוואלט באטאנען, אז נאר דורך לויבן הקב"ה הונדערט מאל א טאג קענען מיר האבן יראת שמים! ד.מ. נאר דורך דעם וואס מיר וועלן איינערקענען און אריינעמען אין זיך אז דער 'פוקח עורים' איז דער ריבונו של עולם, 'מלביש ערומים' - איז דער ריבונו של עולם, 'המכין מצעדי גבר' - איז ווידער נאר ער, און אזוי ביי אלע ברכות, נאר אזוי וועלן מיר זיין יראי שמים.

דורך דעם וואס מען זאגט מאה ברכות יעדן טאג מיט דעם איז מען מכיר תודה פארן ריבונו של עולם, אין ענדע קומט מען אן צו יראת שמים!

אבער מיר דארפן וויסן אז כדי זוכה זיין צו די סגולה פון 'מאה ברכות' דארפן מיר אויך מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן. ווייל דער רבינו בחיי (שמות יד לא) שרייבט אז אמן באשטעטיגט די ברכה. קומט אויס אז ענטפערן אמן זעט אפשר אויס ווי א קליינע פעולה, אבער די רעזולטאט פון דעם האט א געוואלדיגע השפעה אויף אונזער יראת-שמים.

אין די פריערדיגע דורות האט מען זייער מקפיד געווען אויף ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין. איך געדענק וויאזוי דער משגיח פון כפר חסידים, הגאון רבי אלי' לאפיאן זצ"ל האט געזאגט א ברכה - מען קען דאס נישט פארגעסן! ווען ער האט געדאוונט אין ישיבת חברון האט זיין 'אמן' געדונערט אין די גאנצע היכל הישיבה. און טאקע אזוי, נאר אדאנק אזא גרויסער מענטש וואס ער איז געווען, וואס האט געוואוסט וואס איז אמן, האט געקענט פאסירן די וואונדערליכע ערציילונג וואס ווערט אראפגעברענגט אין די הקדמה פון זיין ספר 'לב אליהו':

רבי אלי' איז אמאל געפארן מיט א באן פון ירושלים קיין חיפה. עטליכע מינוט נאכן אנהייבן דער רייזע האט ער געדארפט זאגן די ברכה אשר יצר. איז ער אריין מיט זיין תלמיד אין איינע פון די וואגאנען, וואו עס זענען געווען אסאך פאליציאנטן, זיך אוועקגעשטעלט אין צענטער פון וואגאן און געבעטן אלע פאליציאנטן זאלן זיך צוזאמנעמען ארום אים. זיי האבן געקוקט אויף אים מיט וואונדער, זיי האבן נישט פארשטאנען וואס ער וויל פון זיי, אבער ער האט זיי באלד ערקלערט אז ער וויל זאגן די ברכה 'אשר יצר' און בעט זיי זאלן ענטפערן נאך אים אמן.

די פאליציאנטן האבן מסכים געווען און זיך צוזאמגענומען ארום אים, צוגעהערט צו די ברכה און געענטפערט אמן מיט גרויס התלהבות.

**הגאון רבי יצחק אזרחי**
מראשי ישיבת מיר



דער באן האט פארגעזעצט איר נסיעה, אבער מיט עטליכע מינוט שפעטער האט זי זיך פלוצים אפגעשטעלט. דערנאך, האבן די פאסאזשירן געווארט בערך א האלבע שעה אן צו וויסן וואס עס גייט דארט פאר. דאן איז צוגעקומען דער זיכערהייט'ס-אפיציר און דערציילט פאר די פאסאזשירן: ענק זאלן וויסן אז דא איז געשען א גרויסער נס. א גרויסע און געפערליכע באמבע איז אראפגעלייגט געווארן דורך טעראריסטן אויף די באן שינעס, אויב עס וואלט זיך אויפגעריסן, וואלט נישט געבליבן קיין זכר פון די באן פאסאזשירן.

עס האט זיך ארויסגעוויזן אז ווען ר' אליהו האט געבעטן די פאליציאנטן וואס זענען דארט געפארן זיי זאלן צו הערן די ברכה און ענטפערן אמן מיטן גאנצן כח, דאס האט געראטעוועט די אלע פאסאזשירן!

דאס איז די כח פון ענטפערן אמן!

**פון א דרשה וואס ער האט געזאגט ביי א 'בני אמונים' צוזאמקום כ"ה מנ"א תשע"ד**

# אוצרות הברכה

## 'מאה ברכות' אין די פרשה

## 'לך לך' בגימטריה מאה

דער זוהר הקדוש אין אונזער פרשה (סתרי תורה עז א) צייכנט אן אז די ווערטער "לֶךְ לְךָ" זענען בגימטריה מאה, און שמועסט אויס אז דער ערשטער פסוק אין אונזער פרשה אנטפלעקט, אז בעפאר די נשמה קומט אראפ אויף דער וועלט נעמט זיך אויס הקב"ה מיט איר צו מקיים זיין די מצוה פון מאה ברכות יעדן טאג. זאגן די מאה ברכות עפענט די קוועלער פון די אויבערשטע שפע פארן מענטש און העלפט אים היטן די מצוות פון די תורה און די חיצונים זאלן זיך נישט קענען אנכאפן אין דעם.

און אזוי ווערט אויסגעטייטש דער פסוק: "וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַבְרָם" - הקב"ה נעמט זיך מיט יעדן וואס שטאמט פון אברהם, בעפאר ער גייט "מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ" - פון גן עדן, "אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ" - צו עולם הזה", ער זאל מקפיד זיין זאגן "לֶךְ לְךָ" [מאה] ברכות יעדן טאג, און דורך דעם איז אים פאזיכערט א שפע פון ברכות און א הילף פון הימל צו מקיים זיין תורה ומצוות.

דער מקובל **רבי צבי הירש הורוויץ** זאגט אז די ווערטער פון זוהר זענען מדוייק אין דער פסוק וואס אויף דעם האבן די חכמים (מנחות מג ב) מסמיך געווען די מצוה פון זאגן מאה ברכות יעדן טאג (דברים י יב): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה [מאה] ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ"; דער פסוק באטאנט "שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ", ווייל אפהיטן די מצוה פון מאה ברכות פאדערט הקב"ה אויסדרוקליך "מֵעִמָּךְ" - פון יעדן איד בעפאר ער קומט אראפ אויף דער וועלט (זהר לך לך סתרי תורה עז א; 'אספקלריא המאירה' שם; 'מתוק מדבש' שם).

•

מיר האבן געלערנט אין משניות (אבות ה ג): "עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו ועמד בכולם". די משנה רעכנט נישט אויס וואס זענען די צען ניסיונות, און עס זענען דא אין דעם עטליכע דעות: עס זענען דא וואס רעכענען דאס אריינווארפן אברהם'ן אין כבשן האש אלס דער ערשטער ניסיון (רבנו יונה וברטנורא שם), אבער דער רמב"ם (שם) האלט אז דער ערשטער ניסיון איז דער ציווי: "לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ". דער לעצטער ניסיון לויטן רמב"ם און רוב מפרשים איז דער ניסיון העקידה, ווי אברהם איז באפוילן געווארן: "וְלֶךְ לְךָ אֶל אֶרֶץ הַמֹּרִיָּה" (בראשית כב ב).

**רבי יהושע אבן שועיב**, תלמיד הרשב"א, ברענגט א וואונדערליכן מדרש אין דעם ענין: "פתח [די צען ניסיונות] ב'לך לך' וסיים ב'לך לך', ו'לך לך' עולה [בגימטריה] מאה - רמז למאה ברכות. ולכן לא נולד יצחק עד שהיה אברהם בן מאה שנה" ('דרשות רבי יהושע אבן שועיב').

•

די ווערטער "לֶךְ לְךָ", ערקלערט רש"י: "לך" - פאר דיינעט וועגן - "שם אעשך לגוי גדול וכאן אי אתה זוכה לבנים". דער **'פענח רזא'** לייגט צו אז וועגן דעם איז געזאגט געווארן "לֶךְ לְךָ" - וואס איז בגימטריה מאה, מרמז זיין אז זיינע קינדער וועלן יעדן טאג זאגן מאה ברכות.

•

**רבי חיים ירוחם לנץ** א תלמיד פון 'דעת קדושים' פון בוטשטאט זאגט, אז אין דער פסוק איז אויך דא א רמז אויף די ווערטער פון די חכמים (במ"ר יח כא) אז דוד המלך האט מתקן געווען אז די אידן זאלן זאגן מאה ברכות, כדי צו מבטל זיין די גזירה וואס איז געווען אין זיינע צייטן ווען עס זענען געשטארבן יעדן טאג הונדערט מענטשן: אויב דו וועסט זאגן יעדן טאג "לֶךְ לְךָ" ברכות, אזוי ווי דו האסט זיך אונטערגענומען בעפאר דיין נשמה איז אראפ "אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ", ביזסטו פארזיכערט: "וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל וַאֲבָרֶכְךָ וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ" - דיינע קינדער וועלן ח"ו נישט שטארבן, בתנאי: "וֶהְיֵה בְּרָכָה" - אז דו וועסט זאגן מאה ברכות יעדן טאג ('דברי חיים').

•

דער מקובל **רבי יצחק האבערמאן** פון רעננה האט צוגעלייגט: עס איז באקאנט די ווארט פון 'חידושי הרי"מ' אויפן פסוק אין תהלים (קטו טו): "הַשָּׁמַיִם שָׁמַיִם לַה' וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם" - די ארץ איז געגעבן געווארן פאר די מענטשן זיי זאלן עס אויסלייטערן עס זאל ווערן אזוי ווי די הימל. דאס האט הקב"ה באפוילן פאר אברהם: "לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ" - זאג יעדן טאג "לֶךְ לְךָ" ברכות אויף די ארציות'דיגע הנאות, און דורך וועסט מזכך זיין די ארץ זאל ווערן שמים ('בן לאשרי').

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די ווערטער פונעם בעל הילולא



הגר"י צדקה זצ"ל

### הגר"י צדקה זצ"ל

### י"ב חשון תשנ"ב

הגאון רבי יהודה יהושע צדקה זצ"ל איז געבוירן געווארן אין ירושלים ג' שבט ה'תר"ע, צו זיין פאטער רבי שאול. ער האט געלערנט אין תלמוד תורה 'בני ציון' אין ירושלים און דערנאך אין ישיבת 'פורת יוסף'. אין יאר תרצ"ז איז ער געשטעלט געווארן דורך רבי עזרא עטיה ראש ישיבת 'פורת יוסף' צו איבערגעבן שיעורים אין דער ישיבה, און אין יאר תש"ל איז ער אויפגענומען געווארן צו שטיין אין שפיץ פון די ישיבה.

אלע זיינע יארן האט ער פלייסיג געלערנט, ווען ער דערווייטערט זיך פון תענוגי עולם הזה. ער פלעגט טון גמילות חסד אויף א וואונדערליכן אופן, באזונדער האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ענוה און רעספעקטירן אנדערע. זיין זארג פארן כלל און פרט איז געווען באקאנט. זיינע דברי תורה זענען געדרוקט געווארן אין זיין ספר 'קול יהודה'.

ער איז נפטר געווארן י"ב חשון תשנ"ב, א גרויסער עולם האט אים באגלייט אויף זיין לעצטער וועג צום בית העלמין סנהדריה אין ירושלים.

א באזונדערע קאפיטל אין די לעבנ'ס געשיכטע פון הגר"י צדקה איז געווען זיין געוואלדיגע זהירות אין עניני ברכות און ענטפערן אמן נאך זיי. אין ספר 'וזאת ליהודה' וואו דארט איז באשריבן זיין לעבן, איז געווידמעט א גאנצער קאפיטל (פרק טו) אויף דער ענין. פאלגנד וועלן מיר ציטירן עטליכע עפיזאדן וואס ווערן דארט געברענגט:

### חיכו ממתקים

ווען הגר"י פלעגט רעדן וועגן א ברכה, האט עס אויסגעזען ווי ער רעדט אויף די זיסטע נאש וואס ער אמאל ארייגענומען אין זיין מויל. אויב ער אנגעטראגן א גאסט זאל קומען ביי אים עסן, און יענער האט זיך געשעמט, האט ער אים צו גערעדט מיט א טענה וואס דער גאסט האט זיך נישט געקענט אקעגן שטעלן: "ווילסט נישט זאגן א ברכה פאר הקב"ה"?!

### ברכה משולשת

ער איז שטענדיג געוואוינט מעורר זיין אז זאגן די ברכה און איר כוונה דארף מען טיילן אין דריי חלקים; אנהויב, אינמיטן און די ענדע: א. אין אנהויב די ברכה - "ברוך אתה ה'", דארף מען צולייגן קאפ צו די וואונדערליכע פאקט אז מיר מענטשן זענען זוכה צו זאגן א ברכה צום באשעפער בלשון נוכח. ב. אינמיטן - "אלוקינו מלך העולם", דארף מען גוט אינזין האבן, מקבל זיין אויף זיך אלוקותו יתברך און אים קעניגן אויף די גאנצע וועלט. ג. ביי די ענדע פון די ברכה דארף מען אינזין האבן דאנקען פון טיפן הארץ אויף די גוט'ס וואס דער באשעפער האט אונז געשאנקען.

באזונדער פלעגט ער איינ'חזר'ן די סדר פאר די תינוקות של בית רבן. זיינע ווערטער זענען אריין טיף אין זייער הארץ, אזוי ווייט אז ווען ער פלעגט באזוכן אין ת"ת האבן זיך די קינדער געפריידט צו אים: "אט קומט דער רב פון די ברכות...".

### אמן אויף א זעלטענע ברכה

עס האט דערציילט איינער פון זיינע תלמידים וואס האט געדינט אלס שוחט: איין טאג בין איך געשטאנען אויף די רייכמאן גאס אין די בית ישראל געגענט ווען אין האנט האלט איך א האן צום שחט'ן, פלוצים איז צוגעקומען צו מיר דער ראש ישיבה מיט שנעלע טריט זאגנדיג מיר: "זאג הויעך די ברכה איך זאל קענען ענטפערן אמן נאך דיין ברכה, ווייל שוין א לאנגע צייט האב איך נישט געענטפערט אמן נאך די ברכה 'על השחיטה'..."

צו באקומען יעדע וואך די גליון אין אימעיל קען מען זיך ווענדן צו: 9139191@gmail.com